דבר השם ברמה

פ' יתרו תש"פ לפ"ק | גליון ב'

# הויכ הילכער

דער תורה טרייער

באריכטן אינערהאלב דעם פראנט פונעם יהדות החרדית אנטקעגן דעם גזירת החינוך בארה"ב וקאנדא

לא היו ימים טובים כחמשה עשר..

# פשרה'לאזער יהדות הנאמנה פייערט מעכטיגן זיג אקעגן די כת המוסרים ווען די רעגירונג שטיפט אפ גיידליינס

## "מיר האבן דערהערט דעם שטארקן התנגדות אנטקעגן סיי וועלכע טויש" זאגן די רידזשענטס

## ברענגט אויף קאמענטארן פון טויזנטער בריוו וואס דרוקן אויס א אומצווייטייטיגער 'ניין' פאר פרעמדע חינוך פשרות

והחוט המשולש לא במהרה ינתק...

## א קייט פון דריי פרעצעדענטלאזע געשעענישן אינעם ווענדפונקט פונעם גזירת החינוך לטובת דעם אורא‌לטן תורה חינוך!

**'חסדי'** השם כי לא תמנו' האט אפגעהילכט אומעטום בכל מקום אשר דבר המלך ודתו מגיעים, דעם פארגאנגענעם מאנטיג, חמשה עשר בשבט, ווען מען איז נתבשר געווארן מיט די היסטארישע נייעס אז די באָרד אף עדיקעישענס האט אפגעלייגט די נייע חינוך רעפארמירונג.

עס איז נישט מעגליך צו שילדערן אין די ראמען פון א באריכט די אויסטערלישע פרייד וואס האט באנומען דעם יהדות החרדית, זעהנדיג באשיינפערליך ווי עס ווערט מקוים דער 'הזורעים בדמעה ברנה יקצורו'

נאך א לאנגע תקופה פון תפילות ותחנונים, העפטיגע שתדלנות, און אינטענסיווע אסיפות צוברענגן פאר דעם דעת הקהל דעם ריכטיגן וועג אין אזא שווערע תקופה, ווען גדולי ישראל האמתיים זענען געווען אונטער טיפע זארג מה יולד יום, האט זיך באשיינפערליך באוויזן דער 'לב מלכים ושרים ביד ה', און דערוויל איז נישט דורכגעפירט געווארן דער מזימת הרשע.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ד' אתנו אל תיראום! קיינער אין די וועלט וועט אונז נישט אפשרעקן מיט סיי וואספארא גזירות, יש לנו אב זקן לא ישתנה ולא נשתנה!

ווי פארשטענדליך איז דאס געווען א הילכיגער פאטש אין פנים פאר דעם פארדארבענעם מסור ומלשין מאסטער וחבירתו שר"י וועלכע האבן געגרינדעם דעם

פארזעצונג אויף זייט 2

תכתב זאת זכרון לדור אחרון - י"ז שבט שנת תש"פ לפ"ק

# היסטארישע דעלעגאציע פון הרבנים הגאו"צ שליט"א בחצרות המלכים והשרים בעיר הבירה אלבאני נ.י.

## אויסצודרוקן פאר די שרי החינוך דעת תורתינו הקדושה הצרופה אז איבער דעם חינוך בנינו ובנותינו קען מען נישט פארהאנדלען אדער מפשר זיין, און קיין שום שינוי אדער טויש ח"ו וועט נישט פארקומען

ליינט זייט 4

# פשרה'לאזער יהדות הנאמנה פייערט זיג ווען די רעגירונג שטיפט אפ גיידליינס

'יאפעד' גרופע, און אנגעקלאגט פולע מוסדות התורה אז זיי קומען נישט נאך די רעגירונגס פארלאנגן, וואס אויף דעם ארויף האט זיך געשאפן דער גיידליינס פראגע.

דאס האט זיך נאך אנגהויבן פרייטיג פ' בשלח הארט פאר כניסת השבת ווען דער אדוואקאט פאר די רעגירונג האט געמאלדן אז מען גייט 'איבערקוקן' די גיידליינס.

מאנטיג דערויף ווען אלע רידזשענט'ס האבן זיך פארזאמלט אין אלבעני, און דער פארזיצער האט פארלאנגט אז מען זאל צוגיין צום שלום פון די לאנגפארצויגענע פלענער, און ענדגילטיג שאפן די גיידליינס, אבער צום שטוינונג האבן זיך אויפגעשטעלט די ריזשענס און איינס ביי איינס אפגעווארפן דעם באלדיגן אפשטימונג דערפון.

אבער ועל כולם האט ארויסגעשטארט דער גרויסער פאראייניגטער כח פון דעם גרויסן ציבור מיט דעם פלייץ פון בריוו וועלכע האבן אויסגעדרוקט די שארפסטע התנגדות אנטקעגן די נייע גיידליינס.

עס איז קלאר און דייטליך ארויסגעבערענגט געווארן אז אין ליכט פון די פולע קאמענטארן און בריוו וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם אלגעמיינעם דעת הקהל, איז אוממעגליך אדורכצופירן די נייע גיידליינס.

גאר שטארק האט אויסגענומען די רעדע פון די רידזשענט פון קינגס קאונטי וועלכע האט געזאגט אז מען איז געווען ביי די רבנים [זעה אנדערע נייעס וועגן דעם אסיפה בבית כ"ק הגה"צ משאפראן שליט"א] און עס איז קלאר אז עס הערשט א אויסטערלישע התנגדות צו די נייע גיידליינס.

אט דער פאקט אז די התנגדות האט למעשה צוגעפירט אז די רעגירונג זאל אפשטיפן די גיידליינס ברענגט ווידעראמאל צום איבערצייגונג אז בלויז דאס און נאר דאס, אז מען זאגט פאר די רעגירונג 'דו וועסט אונז נישט קענען ברעכן, מיר וועלן קיינמאל נישט מסכים זיין צו אזאלכע פלענער' איז די ריכטיגע און מערסטע אקצעפירטע טענה, מיט וואס די רעגירונג דארף זיך רעכענען.

דערפאר איז דער יהדות החרדית מכיר טובה פאר די פולע שתדלנים און עסקנים וועלכע האבן במשך א צייט געלאזט אין גאנג די ריכטיגע נסחאות עפ"י דעת תורה וועלכע זאל ארויסברענגען אין די בריוו דעם שארפסטן טאן קעגן סיי וועלכע פשרות אין חינוך.

אצינד זעהט מען אז אידישע קינדער האבן דערהערט דעם וויי געשריי און נאכגעקומען דעם פארלאנג פון די גדולי התורה שליט"א, אריינצושיקן די ריכטיגע נוסחאות.

לויט די רידזשענט האבן פילע קאמענטירט אז די פארגעשלאגענע רעגולאציעס ברעכן דורך פארשידענע רעכטן פון משפחות, מיר ציטירן פון די פראטאקאלן ביי די מיטינג מיט די רידזשינס וועלכע האבן למעשה צוגעברענגט דאס אפצושטופן, 'דאס איז אן ערענסטע פראגע פון פרייהייט פון רעליגיע קעגן דת' האבן געזאגט די רידשענס,

## אלמלא אגרות הראשונות..

אויסצוגן פון די פולע בריוו וואס כלל ישראל האט אריינגעשיקט מיטן נוסח פון התנגדות צו די נייע גיידליינס,

וועלכע האט פאקטיש צוגעברענגט צום איצטיגן פסק

פילע האבן אויסגעדרוקט אין די בריוו די פאלגענדע איבער די פארגעשלאגענע רעגולאציעס ווי צב"ש:

### רעכטן

*עלטערן'ס רעכטן: עס נעמט אוועק די עלטערן'ס רעכטן צו דירעקטירן דעם חינוך פון זייערע קינדער, אריינגערעכנט מאראלישע און רעליגיעזע לימודים.*

### קאנסיטוטוציע רעכטן:

*עס נעמט אוועק די רעכטן צו פראקטיזירן פרייהייט פון רעליגיע. אויך טוט דאס אוועקנעמען די 'עסטעבלישמענט קלאוז' פון דעם ערשטן אמענדמענט [אפטיילן רעגירונג פון רעליגיעזע לימודים] פאר א רעגירונג ערלויבעניש צו באטראכטן רעליגיעזע לימודים.*

### רעגירונג איבערגעטריבן:

*די רעגירונג זאל נישט אריינמישן מיט פריוואטע שולעס, וועלכע האבן א לאנגן רעקארד פון דערגרייכונג.*

### סעקולארע חינוך:

*געוויסע רעאגירער קאמענטירן אז זיי האבן ווייניג אינטרעסע אין פארבעסערן די סעקולארע לימודים אין פריוואטע שולעס, ספעציעל אויפן חשבון פון רעליגיעזע חינוך. עס איז קעגן רעליגיעזע אמונה און געוויסע לימודים זענען נישט ערלויבט צו לערנען מיט די קינדער.*

### אנטי רעליגיעז:

*אנדערע שרייבן אז די פארגעשלאגענע רעגולאציעס איז א אטאקע אויף רעליגיעזע טראדיציעס און חינוך וועלכע האבן עקזיסטירט פאר טויזנטער יארן..*

### איבערלאזן די שטאט:

*געוויסע האבן געשריבן אז די רעגולאציעס וועט צווינגן פולע משפחות צו זוכן חינוך געלעגנהייטן פאר זייערע קינדער און אנדערע שטעט אדער לענדער צו פארזיכערן אז זייערע קינדער באקומען דעם רעליגיעזן חינוך וועלכע זיי ווילן.*

### באצווינגעניש

## פראבלעמען:

*מענטשן וועלן זיך אנטזאגן נאכצוקומען די פארגעשטעלטע רעגולאציעס, איבערהויפט ווען עס גייט אנטקעגן זייערע רעליגיעזע גלויבן.*

## ריזיקע פאר רעליגיעזע און פריוואטע שולעס

*געוויסע האבן אויסגעדרוקט זארג אז די פארגעשטעלטע רעגולאציעס און פראצעדור האט געשטעלט א געפאר צו די מעגליכקייט פון דעם פריוואטע שולע.*

אט דאס האט למעשה פארשלאסן דעם וועג פאר די איצטיגע פארגעשלאגענע רעגולאציעס צו ווערן אקצעפטירט דורך די רידשענס, און ווי זיי האבן דארט געמאלדן גייען זיי מאכן א פרישע איבערזיכט איבער די טענה'ס פונעם ציבור, און זיי גייען זיך טרעפן מיט די וועלכע ווערן אפעקטירט דערפון, צו פרובירן צו פארשטיין גענוי אויב איז פארהאן א טשאנס דאס איינצופירן.

ווי די עסקנים גיבן איבער איז למעשה די סכנה נאכנישט פאראיבער, און מען דארף מתפלל זיין לביטול רוע הגזירה במהרה, און גלייכצייטיג איז איצט די פאסיגע צייט זיך צו פאראייניגן תחת דגלם של גדולי ומאורי הדור שליט"א מיט א אפיציעלן שטעלונג פאר די רעגירונג אז 'די מוסדות זענען נישט גרייט צו פארקוקן, און צו פארטווישן סיי וואס

## סוף האמת לנצח!




איבערזיכט פון די קאמענטארן וואס האבן געשאפן די רעזולאציע אפצושטיפן די גיידליינס

# דער טאג!

וואס די משנאי ה' וועלכע האבן פלאנירט אריינצושטעקן זייערע טמאנ'ע נעגל בחינוך ילדי ישראל, זענען דורכגעפאלן, ווען די געזעץ שאפער אין עיר רבתי אלבאני האבן דערהערט דעם וויי געשריי פון רובי רבבות בני ישראל אז זיי זענען נישט גרייט צו טוישן אפילו כקוצו של יוד פון די גבולות אשר גבלו הראשונים כמלאכים זי"ע בדרכי הלימודי חול.

# דער טאג!

וואס איז אויסגערופן געווארן קבל תבל ומלואה אז עוד ישראל רד עם קל ועם קדושיו נאמן, וכל כלי יוצר עליך לא יצלח, אשריך ישראל מי כמוך עם נושע בה' מגן עזרך ואשר חרב גאותך, ויכחשו אויבך לך ואתה על במותימו תדרוך, ה' הוא מלכינו ולא אנו עבדים התורה הקדושה היא חיינו ולו אנו משעובדים, בדרך התורה נלך באש ובמים לקדש שם שמים.

# דער טאג!

וואס קימו וקיבלו היהודים עליהם ועל זרעם, אויפצוהייבן דעם פאן פון השי"ת מיט שטאלץ בעוז ובגאון, צו זאגן למלאך המשחית נעמט אראפ אייערע פינסטערע הענט פון די טייערע צאן קדשים, אל תגעו במשיחי, און אויסרופן שטענדיג לפני העמים והשרים בלישני דלא משתמע לתרי אנפי: "למסים וארנונית מלכא את להעביר עלינו גזירות על הדת את וכלבא שוין".

# דער טאג!

וועט ווערן איינגעקריצט לדור אחרון, און אין די אידישע היסטאריע אז די איינציגסטע וועג איז זיך אפצושיידן פון אלע סארט מפשרים ומגשרים, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, צאי לך בעקבי הצאן, אני חומה ושדי כמגדלות, אין לנו אלא דברי בן עמרם, וואס אונזערע עלטערן און רבי'ס האבן אונז איבערגעגעבן איז דאס טייערסטע וואס מיר פארמאגן, און אויסערדעם איז אלעם הבל וריק.

I am a yeshiva parent and a yeshiva graduate, and am writing to register my opposition to regulations proposed by the State Education Department.

I chose yeshiva education for my children because I want them to receive an education steeped in the tradition and values of my Jewish heritage and faith. I want my children to receive an education that focuses on Jewish texts as well as Jewish traditions, Jewish history as well as Jewish culture, and Jewish ideals as well as Jewish ideas. In other words, what I want for them is an education that they cannot receive in the public schools.

I pay dearly for this privilege. Private school tuition is not cheap, I pay it on top of the income, real estate and other taxes that we all must pay to fund the local public schools, and I do not even receive a tax deduction for it.

These proposed regulations would undermine my ability to give my child the education that I chose for him. It would have the government set the educational priorities for my child, instead of the administration of the private school that I chose.

These regulations would require that the private school I chose for my child mimic the local public schools by teaching a long list of required courses -- up to 11 for some grades -- and even set the length of time those courses must be offered each week. If I wanted government to dictate my child's course list and class schedule, I would have chosen the local public schools.

The school that I chose for my children has a long school day with an intensive focus on Jewish studies. Government is not qualified to evaluate our Jewish studies classes, yet these proposed regulations empower them to do just that.

The proposed regulations infringe on my right as a parent to direct the education of my children, and on the school's right to set its own educational course and mission.

That is neither legal nor necessary.

It is not legal because parents have the right to direct the education of their children, and to choose private and religious schools for them.

It is not necessary because private and religious schools have a long and proud record of achievement. Their attendance and graduation rates are high, and their students go on to lead successful lives.

I myself am a yeshiva graduate. I want my children to experience the same rich education environment that I did.

Every day, my children learn the critical thinking, problem solving, language, literacy, and computational skills that are necessary to prepare them for success. I am confident that they will graduate with the skills necessary to function as successful members of society.

These proposed new regulations will undermine my ability to provide my children with the education that I have chosen for them.

I urge you to respect my ability as a parent to choose the educational direction for my children and to reject these proposed new regulations.

**קאפיע פונעם בריוו וועלכע איז פרעזענטירט געווארן דורך געוויסע עסקנים בעפאר די אויפוואכונג פונעם יהדות הנאמנה צו שרייבן אז דאס איז קעגן רעליגיע**

I am a yeshiva parent and a yeshiva graduate, and am writing to register my opposition to regulations proposed by the State Education Department.

I chose yeshiva education for my 0 children because I want them to receive an education steeped in the values of my Jewish faith. My children must receive an education that focuses on Jewish texts as well as Jewish traditions, Jewish history as well as Jewish culture, and Jewish ideals as well as Jewish ideas I want for them an education that they cannot receive in the public schools.

I pay dearly for this privilege. Private school tuition is very expensive. I pay it on top of the income, real estate and other taxes that we all must pay to fund the local public schools. I do not even receive a tax deduction for it.

The proposed regulations would undermine my ability to give my child the education that I chose for him. It would have the government set the educational priorities for my child, instead of the administration of the private school that I chose.

These regulations would require that the private school I chose for my child mimic the local public schools by teaching a long list of required courses -- up to 11 for some grades -- and even sets the length of time those courses must be offered each week. If I wanted government to dictate my child's course list and class schedule, I could have chosen the local public schools.

The school that I chose for my children has a long school day with an intensive focus on Jewish studies. Government is not qualified to evaluate our Jewish studies classes, yet these proposed regulations empower them to do just that.

The proposed regulations infringe on my religion, and my right as a parent to direct the education of my children.

This is neither legal nor necessary.

It is not legal because parents have the right to direct the education of their children, and to choose private and religious schools for them.

It is not necessary because private and religious schools have a long and proud record of achievement. Their attendance and graduation rates are high, and their students go on to lead successful lives.

I myself am a yeshiva graduate. I want my children to experience the same religious and rich education that I did.

Every day, my children learn the critical thinking, problem solving, language, literacy, and computational skills that are necessary to prepare them for success. I am confident they will graduate with the skills necessary to function as successful members of society.

The proposed regulations are in total opposition to my religious convictions and against our Torah adherence. There is no way I will allow my children to attend any school complying with such regulations.

Please respect my religion and my ability as a parent to choose the educational direction for my children, and reject the proposed new regulations outright.

**קאפיע פונעם בריוו וועלכע זיי האבן איבערגעמאכט נאך די אויפוואכונג**

Dear Board of Regents, NYS Education Department. I'm hereby submitting as a yeshiva parent and a yeshiva graduate my staunch opposition to the proposed regulations by the New York State Education Department. Torah True Jewry have in its core Biblical and Talmudical tenants, to obey law and order in whichever country they dwell. However, laws that are in direct contradiction of the Torah fundamentals cannot be obeyed. The rule of law must make way to the rule of the Almighty.

It is our fundamental religious belief that: G-d created the universe 5779 years ago and that; G-d controls everything that happens in the universe and that; G-d sustains and provides for every living creature in the universe and that; G-d gave the Torah that He wrote to the Jewish people at the revelation at Sinai and that G-d will generously reward those who follow his commandments and punish those who transgress them and that; G-d knows every action and thought of every man and woman and that; This world is only a preparation for the afterlife which will be for eternity.

We have proudly lived as ultra-Orthodox religious Jews for thousands of years and it is our G-d given obligation to transmit our religious beliefs and lifestyle to our children and that's exactly how we will educate our future generations forever. Whereas; the current proposed regulations are a direct infringement and are an attack on our fundamental religious beliefs, religious lifestyle and free practice of religion, and an attack on the way, we have educated our children for the past thousands of years. Torah True Jews have sacrificed throughout generations their wealth and life for our fundamental religious belief and the purity of our education and religious way of life. We triumphed over the Spanish Inquisition, Czarist Russia, Communism, Fascism and the like, even the flames of the Auschwitz gas chambers were not able to extinguish the fire of Torah True Judaism. With the help of almighty G-d, we will overcome today all hardships of the twenty-one century at a time when winds of Marxism and Atheism are out to change our way of life under the so-called rule of law.

After the horrors of the Holocaust, we succeeded with G-d's help to replant our ultra-Orthodox institutions and religious upbringing, exactly the way our ancestors have functioned for thousands of years in pre-war Europe. We have done so, under the direct leadership and guidance of the world ultra-Orthodox Torah giants who survived the war and laid ground for Torah True Jewry on the American shores. Our Yiddish schools are directed according to strict ultra-Orthodox Rabbinical guidance, our schools are dedicated mainly for the teachings of the Torah and Talmud, and simultaneously we teach part-time in English the 3-R's, known as Reading wRiting & aRithmetic. The 3r's are the core basic education needed to be a successful Torah True Jewish productive citizen, nothing more of English studies have been allowed by our ultra-Orthodox Rabbis to teach our youth.

Our ultra-Orthodox Yeshivas and institutions have proudly produced for over 70 years tens of thousands of the most caring families and obedient citizens, successful entrepreneurs, and Jewish philanthropies. Any governmental oversight, interference, or slightest reform in the curriculum, subjects, hours of study, etc. is against our fundamental religious belief, and therefore cannot be tolerated in any way shape or form. We are ready, willing and able, to sacrifice everything and anything including any funding, we are also ready to accept monetary fines and even imprisonment, all for the upkeep and perseverance of the purity of our sacred Jewish religion handed down to us by the Almighty G-d at the revelation of Mount Sinai. We hereby proclaim that proposed NYS equivalency regulations are an onslaught on our fundamental and core religious beliefs, religious lifestyle and our freedom of practicing religion without governmental interference and oversight. Whereas; The right to free exercise of religion is enshrined in the Bill of Rights of the United States Constitution.

I petition your honor, to downvote the proposed new NYS substantial equivalency regulations or any variation thereof, by voting NO you will go down in history as the saviors of the Universal Human Rights and the freedoms embedded in United States Constitution. We beg you, do not let yourself being utilized by those who are out to destroy the beauty of religious freedom that we have enjoyed in the USA for centuries. Please note, if these regulations shall pass, they are doomed to failure on the outset, and we will for sure execute our constitutional rights to preserve our religious freedoms. - We cannot and for sure will not obey the proposed regulations, therefore, simply vote "NO".
Sincerely,

**בריוו וועלכע איז פרעזענטירט געווארן ע"פ עצת הרבנים הגאו"צ שליט"א, ברענגט ארויס התנגדות מיטן ריכטיגן תורה'דיגן בליק וואס האט צוגעברענגט צו די רעזאלאציעס**

# ווידעראמאל פינגער אפדרוקן פון פעדעראציע ביים היימישן ציבור אן דעת תורה

**ערשטע מאל אין וויליאמסבורגער היסטאריע ווען מען נעמט צוזאם חשובע בני תורה, אונטערן שלייער פון פרנסה, צו פארשטערקערן דעם בריק מיט די פרעמדע גאס.**

דעם פארגאנגענעם ליל ששי וארא האבן געוויסע עסקנים אויף די אייגענע האנט פאררופן א אייגנארטיגער 'פרנסה עקספא', ווי מען וועט אנגעבליך אויסלערנען פרנסה טאטיקן און ארויסהעלפן.

אבער ווי שאקירט זענען די אינגעלייט געווארן ווען עס האט דארט אויפגעטרעטן דער טרויעריג בארימטער משכיל אבי גרינשטיין, וועלכער איז נאנט באפריינדעט מיט אלע ערליי אפיקורסישע ארגעניזאציעס.

דער גרינשטיין זעלבסט איז א קאלעדש גראדיואט, און ער שטאלצירט גאר דערמיט.

דאס האט געברענגט גרויס אויפברויז ביי ערליכע אידן, ווי אזוי מען ערלויבט זיך אזא עלבון התורה אז פאר טייערע בני תורה, נעמט מען אזאלכע פארשוינען זיי צו קומען 'אויסלערנען'.

מאנכע זאגן גאר אז דאס צייגט גאר נאנטע פינגער אפדרוקן פון די גרויסע מגיפת האקדאמיע אין ארץ ישראל ווען מען פרובירט ארויסצושלעפן אידן פון בית המדרש צו די דרויסענדיגע גאס.

אלענפאלס, האט מען דארט אנגעבאטן צו געבן הלוואות פאר אינגעלייט, דורך די היברו לאון אסאסייעטי, וואס איז ווידעראמאל דער ציוניסטישער פעדעראציע אגענטור.

פרעגט זיך די פראגע, וויפיל נאך באווייזן דארף מען אז מען איז צו שטארק פארבינדן מיט די פארדארבענע 'עסקנים', און וואס דארף נאך פאסירן מען זאל זיך אויפוועקן פון שלאף.




**בארא פארק "דזשעי. סי. סי. א געמיינזאמע ארגאנעזאציע מיט די פעדעראציע, ביים מעלדן די עקספאו אויף זייער סאושעל מידיע פלאטפארמע**

# היסטארישע דעלעגאציע פון זקני הרבנים הגאו"צ שליט"א בחצרות המלכים והשרים בעיר הבירה אלבאני נ.י.

## אויסצודרוקן פאר די שרי החינוך דעת תורתינו הק' הצרופה אז איבער דעם חינוך צאצאינו קען מען נישט פארהאנדלן אדער מפשר זיין, און קיין שום שינוי אדער טויש ח"ו וועט נישט פארקומען.

### וראו כל עמי הארץ כי שם ד' נקרא עליך ויראו ממך:

**היסטארישע דעלעגאציע פון גדולי הדור שליט"א רופט אפ עהרן-פארכט ביי די פאליטישע באמטע**

### פראטעסט קעגן גזירת החינוך אריין אין א נייע פאזע:

**פאראייניגונג פון אלע צענטראלע קהילות אין אמעריקע אונטער גדולי ומאורי הדור שליט"א צו שטיין פעלזן פעסט קעגן יעדע פראבע פון סיי וועלכע טויש אין חינוך**

**נאך** דעם מעלדונג פון די רידזשענטס אז מען שטיפט אפ דערווייל די נייע גיידליינס און מען קערט זיך צוריק צו הערן דעם דעת הקהל פון די באטרעפענדע, האבן די גדולי הרבנים שליט"א גלייך געגומען די נויטיגע שריט צו שאפן א פאראייניגטער פראנט וואס זאל ווערן געפירט בלויז דורך א דעת תורה, וואס פארטרעט אלע מוסדות החינוך, ובפרט אז מען האט זיך אצינד איבערצייגט אז בלויז דאס איז די איינציגסטע וועג.

במשך די וואך זענען פארגעקומען מערערע אסיפות ביי גדולי הרבנים שליט"א היאך לקדם את פני הרעה, און מען האט דן געווען בענינים העומדים על הפרק כדת מה לעשות. צוליב פארשטענדליכע סיבות זענען די אלע אסיפות פארגעקומען אין געהיים, אזוי ווי הגה"ק ר' יודא אסאד זצ"ל שרייבט אין א בריוו (שו"ת מהרי"א ח"ב סי' ע"ה) אז **"ער האט אויסגעדרוקט זיין מיינונג איבער די מלחמת ה' פאר רבנים רבתי בדעות חכמי התורה, און אלעס שטיל און באהאלטן בסתרי סתרים ווי עס שטייט כבוד אלקים הסתר דבר, ואין לך יפה מן הצניעות, כדי 'נישט מעורר זיין די עזי פנים שבדור לוחם צו זיין קעגן אונז"** עכדה"ק.

### צאו לך בעקבי הצאן..

אויך איז פארגעקומען א אסיפת הרבנים אין שטוב פון כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ שליט"א אין מאנסי, ווי מען האט מחליט געווען אז די ריכטיגע שריט אצינד איז צו גיין אויפן אמאליגן שטייגער ווען מען האט גוזר געווען גזירות רעות דורך די משכילים ומהרסי הדת, וואס די גדולי הדור זענען געווען דער צד המכריע אויף יעדן פרט ופרט, אויף צוויי פראנטן, דאס ערשטע נישט זיך אינטערצוגעבן צו קיין שום רעפארמירונג אדער טויש אין סיי וועלכע תורה'דיגע הינזיכט, דאס צווייטע איז דאס גיין קלאפן אויף די הויכע פענסטער, און מודיע זיין אז בלויז דער דעת תורה דאמינירט ביי אידן.

מען איז תיכף צוגעטרעטן צום למעשה'דיגן חלק, און ערלעדיגט א זיצינג ביים קאמישינער פון די בארד אויף עדיוקעישענס אויף דעם מיטוואך.

פארשטייט זיך אז עס איז נישט לייכט פאר גדולי וזקני הרבנים שליט"א זיך ארויסצולאזן אויף אזא וועג בטירחא דגופא, אבער וויסענדיג דעם גרויסן אחריות זענען די שלוחי ציבור ושלוחא דרחמנא ארויס אויפן פראנט במלחמת ה'.

### עיניך רואות את מוריך

דאס איז גשאפן געווארן אין איינקלאנג מיט מערערע דרשות וואס זענען שוין לעצטנס געהערט געווארן מפי גדולי וזקני הרבנים ומנהיגי הציבור איבער דעם גרויסן אחריות פון אזאלכע הייקעלע ענינים, וואס רירט אן דעם בבת עין פון די קומענדיגע דורות, די טייערע תינוקת של בית רבן.

די גדולי הרבנים שליט"א האבן משמיע געווען דעם דעת תורה אז אזאלכע ענינים נשגבים, פון די חמורות שבחמורות, קען זיכער נישט זיין אונטער די בעלות און פארטרעטערשאפט פון עסקנים ושתדלנים. איבערהויפט אז מען רעדט פון גאר געטרייע איבערגעגעבענע עוסקים בצרכי ציבור, וועלכע פארפיגן איבער די אפיסעס און לאביאיסטן צו שאפן די נויטיגע פאנדן פון די רעגירונג פאר די פולע מוסדות החינוך, איז אוממעגליך אז די דאזיגע אינטרעסן זאל נישט שפילן קיין ראלע בעת די פארהאנדלונגן.

דאס איז געווען דער בליק פון אלע צדיקי וגדולי הדורות, אז מען קען נישט געטרויען בלינדערהייט א ארגעניזאציע, אזויווי הגר"ח פלאהר שליט"א האט געזאגט ביים יערליכן מלוה מלכה פ' שמות אז מען זעהט אז ביי די גזירה אין מצרים, זענען משה רבינו און אהרן געגאנגן און נישט די עסקנים. און דאס האט מען פראקטיצירט למעשה ווי מען קען זעהן אין ספר חומת אש געניע דעטאלן אין פראטאקאלן פון די אריות שבחבורה וועלכע זענען געווען די פאן טרעגער אוןווארטזאגער פון כלל ישראל, אזוי ווי מרן הגה"ק הכתב סופר, הגה"ק ר' מנחם אש, הגה"ק בעל מחנה חיים, הרה"ק ר' יהודה אסאד זי"ע וכל קדושיו עמהם, וועלכע האבן געגרינדעט און געפירט בפועל די חבורה שומרי הדת, און שפעטער דעם טיילונג אין אונגארן, והכל על פיהם יבואו ועל פיהם יצאו.

און אזוי ברענגט מרן רביה"ק זי"ע אין הייליגן ספר ויואל משה (סי' קמ"ג) פון דעם קובץ מכתבים מהגאון החזון איש זלה"ה ווי עס איז געדרוקט א בריוו פון הגאון רח"ע מווילנא זלה"ה ווי צווישן אנדערע שרייבט ער איבער גערונדן א 'אלוועלטליכע ארגעניזאציע' "אזוי ווי איך האב מיך אויסגעלערנט פון פראקטיק אז אלע פעולות ווערן געטאן דורך א געוויסן מזכיר אדער פקיד, און זיי רעכענען זיך בכלל נישט מיט די רבנים, און אסאך מאל טוען זיי אנטקעגן זייער מיינונג און זייער השפעה און זיי טוען בלויז מה שלבם חפץ, און ווי אזוי קען איך איבערגעבן דאס נאמנות צו שאפן א מוסד עולמי אויב בהמשך הזמן וועט עס זיכער געפירט ווערן דורך מזכירים ופקידים, און ווי אזוי קען איך איבעגעבן אין זייער האנט ענינים כללים של התורה והאומה. און דאס איז לדעתי א מסוכן'דיגע שריט וסכנה גדולה און מיר קענען נישט מקבל זיין קיין אחריות והתוצאות ממוסד כזה".

און דער רבי שרייבט צו אז אפילו דאן זענען געווען גאונים וצדיקים גדולים, ומכש"כ בימינו אלה אוי לנו שכך עלתה בימינו.

דערפאר איז דאס באמת א היסטארישע דורכברוך אינעם גאנצן פראנט אנטקעגן די גזירה. וואס אנשטאט ווי ביז איצט איז דאס אלעס געפירט געווארן דורך א פראנט פון א דעת בעלי בתים מיט א געמיש פון פרעמדע שטודירטע און ציוניסטישע אקטיוויסטן, וועלכע אנשטאט לוחם צו זיין אנטקעגן די פלענער צו טוישן אונזער אור אלטן חינוך, האבן זיי גאר געארבעט צו קאלאברירן און גיין פאראויס מיט אריינברענגן שינויים צוביסלעך אין די מוסדות התורה, וועלן פון איצט אן דאמינירן און פארטרעטן בלויז דער ארגינעלער דעת תורה פון די גדולי הדור שליט"א.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז עס איז קלאר ווי דעם טאג אז דאס גיין אויף דעם מהלך איז נישט געקומען פון קיין אנווייזונג און הדרכה דורך רבנים אדער אדמורי"ם, די מאורי הדור שליט"א, און אוודאי איז מען זיי נישט געקומען פרעגן אויב עס איז ריכטיג צו

גיין אויף אזא וועג. עס איז נאר געטון געווארן ווי א שגגה שיצא מלפני השליטים – די חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען איבערגעגעבן פארן כלל נישט אויפכאפנדיג ווי ווייט דער פראבלעם גייט. די רבנים שליט"א זענען ארייגעמישט געווארן דערין נאר נאכן גיין עטליכע יאר אויף די קרומע וועגן און עס איז אנגעקומען צום קענטעניס פונעם ציבור וואס האט גענומען שטורעמען. וויפיל מען זאל בארעכטיגן און פארטיידיגן די חשוב'ע עסקנים אז זיי מיינען נאר גוט און עס קומט פון ריינע כוונות, פארט איז דער מציאות" נאך אלס א שוידערליכע אקט און א מעסער אינעם חינוך הטהור, וואס אויב מען וועט עס נישט אויסרייסן יעצט פונעם שורש וועט עס ח"ו זיין א בכי' לדורות, 'וה' הטוב יכפר בעדם כי לכל העם בשגגה', און ספעציעל אז זייער כוונה איז געווען לש"ש.

## לך בכוחך זה והושעת את ישראל

די גדולי ומאורי הדור שליט"א, רבנים ומורי צדק, ראשי מתיבתא, זענען געקומען איבערגעבן די שטעלונג פון יהדות החרדית אנטקעגן סיי וועלכע שינויים אינעם סדר החינוך און אין די זעלבע צייט זיך איינבעטן להעביר את רוע הגזירה.

דער היסטארישער באזוך האט דערמאנט די אוראלטע אוידענצן ביים קייזער לטובת דעם אידישן רעליגיע, א שטייגער ווי דער באזוך אין יאר תרכ"ד ווען מען האט לוחם געווען קעגן די סעמינארן, און די גדולי הדור זענען אראפגעפארן צום עיר הבירה וויען, צום קייזער פראנץ יאזעף, און שפעטער אין יאר תרכ"ט צו שאפן דעם היסטארישן טיילונג אין אונגארן.

אזוי ארום אז ווען די חשובע רבנים זענען ערשינען אין די קארידארן אין אלבאני, דער צענטער פון די געזעצן פאר ני יארק סטעיט, זענען זיי אנטפאנגען געווארן מיט א אויסטערלישער יראת הכבוד, דורך דעם שטאב פון קאמישינער.

עס האט אראפגעשיינט דער הדרת פנים פון די חשובע רבנים שליט"א, ובראשם הגה"צ רבי חיים פלאהר שליט"א ראה"כ זכרון מנחם, ואתו עמו הגה"צ ר' הלל וויינבערגער שליט"א, אבד"ק סערדעהאלי ויו"ר התאחדות הרבנים, כ"ק אדמו"ר מפארשעי שליט"א, הרה"ג ר' שלום פאללאק שליט"א דומ"ץ סקווירא, הרה"ג ר' משה קעסלער שליט"א דומ"ץ וויזשניץ מאנסי, בשליחות קודש פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א, הגה"צ רבי ישעי' יעקב שטויבער שליט"א ר"מ ישיבת מהרי"ט קרית יואל אשר סמך ידו רביה"ק מסאטמאר זי"ע בעניני חינוך הילדים, הרה"ח ר' שמחה שטראלי שליט"א, משב"ק אצל כ"ק מהר"ש מ'באבוב זצ"ל, בשליחות קודש פון כ"ק אדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א.

אויך איז ארויסגעפארן צו דעם זיצונג הרה"ג ר' אפרים שמעון לייכטאג שליט"א דומ"ץ סאטמאר 15 עוו. וועלכער איז געבליבן געשטראנדעט אין טראפיק.

אין די קארידארן פון דעם קאמישענער האט דאס געצויגן א געוואלדיגע רעספעקט, זעהנדיג דעם אומשטייגערליכן מחזה הוד ווי חשובע עלטערע רבנים שליט"א שטרענגן זיך אן ארויסצוקומען צוליב דעם נחיצות הענין.

די גדולי הרבנים שליט"א האבן קלארגעשטעלט אז די תורה איז אונזער לעבן, און דערפאר זענען מיר נישט מוותר קיין משהו דערויף, מיר זענען קיינמאל נישט געגאנגען אין קאלעדזש, און מיר וועלן קיינמאל נישט לאזן לערנען קיין קאלידזש דעגרי לימודים, מיר האבן געקעמפט במשך אלע דורות מיט בלוט קעגן יעדע סארט שינוי און מיר וועלן ווייטער קעמפן ביז משיח'ס טאג.

מען האט געשילדערט דעם שווערן דורכגאנג דא אין אמעריקע ווען די דאמאלסדיגע גדולים האבן אראפגעשטעלט די הייליגע יסודות אין חינוך, וואס האט אויסגעשלאסן סיי וועלכע שטודירונגן, און מען האט ב"ה דורכגעבראכן אלא שטרויכלונגן און אויפגעבויעט א הייליגע ארמיי אויף די אמאליגע יסודות.

## למסים וארנונית מלכא את להעביר עלינו גזירות על הדת את וכלבא שוין

כ"ק אדמו"ר מפארשעי שליט"א און הגה"צ ר' חיים פלאהר שליט"א האבן גענומען דאס ווארט און גערעדט אויף די ענגלישע שפראך לפני העמים והשרים, און צום שלום האט אויפגעטראטן הגה"צ ר' ישעי' יעקב שטויבער שליט"א מיט בכיות וועלכע האבן גערירט אלע אנוועזענדע און זיינע ווערטער איז איבערגעטייטשט געווארן דורך א דאלמעטשער.

די רבנים שליט"א האבן ארויסגעברענגט די געוואלדיגע גענאדע אז מען לעבט ב"ה אין א מלכות של חסד וואס לאזט אומגעשטערט פארזעצן דעם אייגנארטיגן ארטאדאקסישן שטייגער, און מיר זענען ב"ה געטרייע בירגער וואס פאלגן אויס אלע געזעצן, אבער אויב מען דיקטירט אין חינוך וועלן מיר קלאר און דייטליך נישט אויספאלגן!

קיין שום געזעץ אדער סטראשונקע איבער פאנדינגס וועט נישט באוועגן זיך אוועקצורירן פונעם אמאליגן מסורה!

די ווערטער האבן געמאכט א אויסטערלישן רושם אויף דעם קאמישענער, וועלכער האט קענטליך גהערט צום ערשטן מאל פנים אל פנים אזאלכע דרייסטע ווערטער.

דער קאמישענער איז געשטאנען מיט אפענע אויערן ווען דער פארשעי'ער רבי שליט"א האט געשילדערט די ברוטאלע אטאקע ביי אים אין שטוב, אויספירנדיג אז דאס קומט נישט צו צו דעם אטאקע פון







רעפארמירן דעם חינוך הטהור!

## כל כלי יוצר עליך לא יצלח!

אויף דער פראגע פון קאמישענער, וואס זאל ער ענטפערן פאר די רעגירונג וועלכע פארלאנגען מיר זאלן זיך צושטעלן צו זייערע סטאנדארטן, האט הגר"ח פלאהר שליט"א אויסגעשריגן מיט א אש קודש, איר קענט אים ענטפערן אז עס איז נישט דא וואס צו רעדן דערוועגן! מיר זענען נישט דא צו פארהאנדלן אויף גארנישט!

איר ווייסט גאנץ גוט אז אין געריכט וועט מען אויפברענגן פאר אייך אז איר פארלעצט דעם ערשטען אמענדמענט פון פרייהייט פאר רעליגיע, און דעפאר זענען מיר דא!

גאר רירענד איז געווען ווען הגר"ח שליט"א האט געשילדערט זיין שווערן געזונט צושטאנד, ווי ער איז דורך לעצטענס א שווערע הארץ אפעראציע, אבער פון דעסטוועגן דאך באריירט דער ענין פול מער זיין הארץ!

א דראמאטישער רושם האט געמאכט די דרשה הנלהבה פון הגה"צ רבי ישעי' יעקב שטויבער שליט"א מזקני תלמיד רביהק 'מסאטמאר' אשר סמך ידו עליו בעניני חינוך, וועלכער האט מיט א קול בוכים ארויסגעברענגט דעם פאקט אז מיר זענען דורך אזא שווערע ביטערע וועלט מלחמה און מיט בלוט און שוויס זיך צוריק אוועקגעשטעלט, **און אצינד וויל מען דאס אלעם חרוב מאכן!**, און דערביי האט ער איבערגעגעבן די ברכה אז אויב וועט ער מיטשטיין וועט ער מצליח זיין אזוווי די אלע וועלכע האבן זיך ארויסגעשטעלט לטובת ישראל אין אלע דורות.

די מחזה האט ארויפגעברענגט די זכרונות ימי קדם ביים באזוך בבית המלך אין יאר תרכ"ט ווען אין שפיץ פון די דעלעגאציע איז געשטאנען הגה"ק רבי מנחם א"ש, און בעפאר ער האט נאך געקענט קומען צום ווארט האט ער אויסגעפלאצט אין א יאמערליכן געוויין, וואס האט נאכגעפאלגט בדמעות שליש פון די אנדערע צדיקים, דער קעניג וואס איז שאקירט געווארן פון דעם פלוצלונגן אויסברוך האט געפרעגט: "ערנווירדיקער ראבינער, ווארום וויינען זיי?

דאן האט הגה"ק רבי מנחם זצ"ל אויסגעשריגן מנהמת לבו הטהור בקל ה' בכח: **די תורה הקדושה אונזער טייערקייט, ווילן אונזערע ברודער די מתבוללים אוועקרויבן פון אונז, די דאזיגע תורה וואס מיר האבן זיך געהרג'ט דערויף טויזנטער יארן, און וואס צוליב איר זענען אונזערע עלטערן דערנידערט געווארן אומצאליגע מאל, און מיר האבן געליטן דערוועגן צרות רבות ורעות, און**

פארזעצונג אויף זייט 7

וַתֵּבְךְּ וַתִּתְחַנֶּן לְהַעֲבִיר אֶת רָעַת הָמָן הָאֲגָגִי וְאֵת מַחֲשַׁבְתּוֹ

# רידזשענט אויף "קינגס קאונטי" ספעציעל אראפגעקומען צו אסיפת הרבנים צו הערן דעם שטעלונג פון גדולי הרבנים שליט"א אינעם געביט פונעם גזירת החינוך

## גדולי הרבנים לאזן הערן דעם דעת תורה הברורה אז עס קומט נישט אין באטראכט אנצונעמען סיי וועלכע פארשלאג איבער טויש אינעם חינוך המסורה לנו

### עהרנפורכט און חרדת קודש ווען עיני העדה געו בבכיה להעביר הגזירה

אין ליכט פון דעם אנגייענדן פראבע פון די רעגירונג זיך ארייצומישן אין די מוסדות החינוך איז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' יתרו פאררופן געווארן א דרינגענע אסיפת הרבנים דורך כ"ק הגה"צ הישיש אבדק"ק שאפראן שליט"א.

דאס איז פאררופן געווארן אין צוזאמנהאנג מיט דעם קומענדיגן אפשטימונג מאנטיג יתרו אויף די נייע גיידליינס דורך די בארד אף עדיוקעישן, וואס ווערט געשאפן דורך די 'רידזשענטס', וואס ווי עס איז איינגפירט דורך די בארד אף עדיקעיטשענס איז די שטאט ניו יארק צוטיילט אויף זיבעצן 'רידזשענטס' [געגנטער] ווי יעדער איינער פון די קאמיטע פארפיגט און פארטרעט די געגנט.

צוליב דעם נחיצות הענין ארויסצוברענגען די פעסטע און קלארע שטעלונג עפ"י תורתינו הקדושה, האט מען ספעציעל איינגעלאדנט צו די דאזיגע זעלטענע אסיפה די רידזשענט 'קעשין' פון 'קינגס קאונטי', וואס פארטרעט פילע היימישע מוסדות וועלכע זענען געווארן אנגעקלאגט איבערן חינוך.

עס זענען פאררופן געווארן די פאלגענדע גדולי הרבנים שליט"א הגה"צ אב"ד סענדזשארדש שליט"א, הגאון הגדול רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א אב"ד ישראל והזמנים, הגה"צ אב"ד אדווארי שליט"א, הגה"צ רבי שמחה ישראל בלום שליט"א אב"ד תולדות רפאל קאשוי, הרה"ג ר' יודל גרובער שליט"א ראב"ד אורחת משפט הגה"צ אב"ד איבראן שליט"א, הרה"ג ר' אהרן יודא בלום שליט"א אבדק"ק קאשוי, הרה"ג ר' ירמי' פרידמאן שליט"א דומ"ץ שאפראן, הרה"ג ר' ישעי' ווייס שליט"א מגיד משרים, הרה"ג אב"ד אראד שליט"א, הרה"ג ר' אשר מרדכי רובין שליט"א מח"ס אמת ומשפט, ועל צבאם הגה"צ הישיש משאפראן שליט"א

עס האט געווארפן א יראת הכבוד, ווען מען האט באטראכט דעם מורא'דיגן בילד ווי די גדולי הרבנים שליט"א זיצן בכובד ראש, און והדר זקנים שיבה, ווען אין צענטער זיצט האי גאון וצדיק, על ישראל הדרתו כ"ק הגה"צ משאפראן שליט"א, וועלכער איז נעבעך מדוכה ביסורין, און שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות למען השם ותורתו הקדושה.

אנגעהויבן די אסיפה האט איינער פון די חשובע עסקנים אויף די ענגלישע שפראך פארגעשטעלט דעם ציל פון די אסיפה אז היות די רידזשענט גייען באשליסן איבער די גיידליינס איז וויכטיג אז זיי זאלן זיך באקענען און פארשטיין קלאר דעם ריכטיגן מהנך וואס מען פארלנגט פונעם חרדי'שן ציבור.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יודל גרובער שליט"א ראב"ד אורחת משפט וועלכע האט מיט רירנדע ווערטער אראפגעשטעלט דעם קלארן פשרה'לאזן מהלך פון כלל ישראל בנוגע די חינוך גיידליינס, אז מיר האבן מקבל גווען די הייליגע תורה פון השי"ת, און עס איז נישט פארהאן קיין שום וועג אז די גאווערמענט זאל זיך ארייננמישן אין סיי וועלכע אספעקט פון אידישע רעליגיע, און פאר יעדן פרייז אין די וועלט, צו ס'איז פאנדינג אדער אפילו ארעסטן, וועלן מיר קעמפן און שטיין פעלזן פעסט קעגן יעדע סארט רעפארם און טויש פון וואס אונזערע רבי'ס האבן איינגעפירט.

דער חשובער רעדנער האט אפעלירט און געבעטן אז בעפאר מען מאכט סיי וועלכע באשלוס זאל מען נעמען אין באטראכט אז דא האנדלט זיך פון גאר האקעלע עניני דת, וואס אין די דאזיגע דעמאקראטישע מדינה קען דאס זיין א פארלעצונג אין די קאנסטיטוציע, אז די רעגירונג זאל נעמען א שטעלונג וואס רירט אן רעליגיע און צוימען די רעכטן פון די אידישע בתי חינוך צו ערציען די קינדערלעך אויפן אור אלטן תורה טראדיציע, אנווייזנדיג אז די סענסיטיווקייט פון דעם נושא ביים אידענטום דערקענט זיך דורך די בכבוד'יגע אנוועזנהייט פון די גדולי הרבנים שליט"א ובראשם כ"ק הגה"צ משאפראן שליט"א וואס טראץ זיין שוואכן געזונט צושטאנד האט זיך מטריח געווען דאס צו באשיינען.

דאן האט גענומען דאס ווארט די רידזשענט וועלכע האט באטאנט אז די ווערטער זענען זייער גוט פארשטאנען געווארן אז דא האנדלט זיך פון די סאמע וויכטיגסטע זאך ביי אידן, און מען פרובירט דאס צו טוישן. און האט זיך זייער באדאנקט פאר די איינלאדונג, וואס דאס איז די פאסיגסטע שריט אנצוקומען ווי מען דארף. און פארשפראכן ארויסצוהעלפן ביי די אפשטימונג.

[גלייכצייטיג האט די ריזשענט אנגעמערקט אז אפי' לשיטתם דער קאמאן קאר לימוד איז באמת נישט קיין כלליות'דיגער לימוד פאר אלע קינדער, צוליב די קאמפליצירטקייט דערפון]

עס איז געווען גאר קענטיג אז די ריזשענס איז באמת באריט געווארן פון דעם הערצליכן געבעט, און וועלן אזוי ארום בעזהשי"ת פארטרעטן דעם היימישן ציבור ביים גרויסן אפשטימונג.

דער מציאות אז די גדולי הרבנים שליט"א זעלבסט זענען די וואס שטייען אין פראנט פון די מערכה, און רעדן ארויס דעם קלארן דעת תורה, האט געגעבן גאר אן אנדערן בליק אויף דעם גאנצן פארנעם, ווי מען האט דאס קלאר געהערט פון די רידזשענט.

די חשובע רבנים שליט"א וועלכע זענען געווען פארזאמלט, האבן דערנאך איבערגעשמועסט די ווייטערדיגע שריט עפ"י תורה, ולאורם נסע ונלך.

**דעת תורתינו הקדושה יכריע!**





ובא הכתוב השלישי ויכריע... דריטער געשעהניש ארום דעם קאמף קעגן גזירת החינוך:

# כנסי' לשם שמים ביי אסיפת הרבנים אין אלבאני שאפט החלטות איבער דעם נייעם ווענדפונקט אין די מלחמה

זייענדיג אין אלבאני צוליב דעם גזירת החינוך, איז אויפן פלאץ אפגעהאלטן געווארן א וויכטיגע אסיפה דורך די גדולי ומאורי הדור שליט"א צו באשליסן איבער די ווייטער'דיגע פלענער, און אויסארבעטן די קומענדיגע שריט:

ביי די אסיפות הרבנים והאדמורי"ם ומנהיגי הקהילות וועלכע פארטרעטן דעם חינוך נעץ פון צענדליגע טויזנטער קינדערלעך איז אויפגעברענגט געווארן אז די מערכה דא איז נישט בלויז איבער פרטיות'דיגע נושאים ווי געוויסע לימודים וואס איז ערלויבט צו לערנען, אדער וויפיל שעות, אדער אונטער וועמענס אויפזיכט, וואס יעדע זאך פאר זיך דארף א ריכטיגן דעת תורה, נאר דא האנדלט זיך איבער די גרויסע פראגע "ווער איז דער אויסשליסליכער בעל הבית אויף אונזער חינוך, די תורה הקדושה, אדער די רעגירונג?'

דערפאר איז באשלאסן געווארן איבער דעם אלט-נייעם שטעלונג פון יהדות החרדית אז דער קאמף וועט איבערגענומען ווערן דורך די רבני'שע אויטאריטעטן וועלכע וועלן שטיין על המשמר אז אלעם זאל געטוען ווערן עפ"י דעת תורתינו הק'.

עס איז אויך אויסגעשמוסט געווארן איבער די צוקונפטיגע אסיפות אין מערערע שטעט ווי מען וועט הערן דעם דבר ה' ברמה בחובת השעה דורך די גדולי הרבנים שליט"א.

מיט דעם איז געקומען צו א ענדע די היסטארישע משלחת הרבנים שליט"א ביי די שטאטישע אינסטאנצן וואס איז געווען א ערהאבענע מעמד קידוש שם שמים העכער אלע ערווארטונגן.

ווי ערווארטעט האבן טאקע נעבעך געוויסע אומוויסענדע עלעמענטן ארונטערגריסן די פוליטיגע אקטיוויטעטן פון די גדולי ומאורי הדור שליט"א אין די כתבי פלסתר אויף אלע פארמען פון די געמיינע וועב-זייטלעך, ביז צו די אפיציעלע צייטונגן, באנוצנדיג זיך מיט די אוראלטע שונד ווערטער פון די משכילים אין זייערע פינסטערע שריפטן, אזש ביז צום באטיטלען די גדולי ומאורי הדור שליט"א אלס אומוויסנדע מענטשן וועלכע פארשטייען פשוט נישט דעם גאנצן נושא, און כאילו דער גאנצער ציל איז צו באשמיצן ערליכע עסקנים, פארגעסנדיג פלוצלונג אז ביז נישט לאנג זענען אט די 'אומוויסנדע רבנים' געווען אויפן שפיץ פונעם שטייסל ביי די זעלבע, ווען דער יהדות החרדית האט געפירט דעם מלחמה לה' בעמלק.

אזוי אויך האבן זיי גלייגט דרוק אויף א אידישע ראדיא קוואל נישט צו מעלדן די גרויסארטיגע נייעס איבער דעם היסטארישן באזוך אין אלבאני, אין די זעלבע צייט וואס זייערע נייעס קוועלער האבן גאר אפגעהאלטן א שמועס מיט דעם משכיל אבי גרינשטיין אלס זייער פאן טרעגער, ואוי לו לאותו בושה!

אבער נצח ישראל לא ישקר, ברוך השם לא אלמן ישראל, כלל ישראל וואס איז געוואוינט צו פירן מערכות חרמה מיט אלע מהרסי הדת ווארפט זיך אונטער דעם תורה'דיגן ריינעם אומפארפעלשטן דעת תורה פון די גדולי ומאורי הדור שליט"א וואס זענען מקיים דעם צאי לך בעקבי הצאן, און מיט עזות דקדושה וועט מען ווייטער אנגיין מיט דעם פשרה'לאזן קאמף קעגן אלע ערליי קוצים במחנה ישראל מבית ומבחוץ, און מען איז גלייכצייטיג מתפלל:

**היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל.**

פארזעצונג פון זייט 5

## היסטארישע דעלעגאציע פון הרבנים הגאו"צ שליט"א בעיר אלבאני נ.י.

**געלויבט השי"ת אז אונזערע קריסטליכע פריינד העלפן אונז איר אפצוהיטן, אוי וויי, אונזער הייליגע תורה געפונט זיך אצינד אין גרויסע סכנה, נאדעם וואס אונזערע ברודער האבן זיך פארלייגט דערויף, און איצט בעטן מיר מאיסטעט! העלף אונז מיר זאלן קענען דינען ג-ט לויט אוזער אויפפאסונג, ווייל אין דיר איז אנגעוואנדן אונזער האפענונג!**

און אזוי ווי דאן האט ער נושא חן געווען ביים מלך, אזוי ווייט אז דער בריוו ווי עס איז געשטאנען די בקשה, איז ארויסגעפאלן פון זיין הייליג האנט צוליב די גרויסע בכיות, און זיינע חבריו הגאונים הצדיקים האבן מורא געהאט דאס אויפצוהייבן מאימת המלכות, און דע קעניג אליין בכבודו ובעצמו איז אויפגעשטאנען מכסא מלכותו, און איבערגעגעבן דעם בריוו פאר דעם צדיק, און אים אויך געגעבן א פאפיר צו פארווישן די טרערן, איז אצינד אויך דער האפענונג פון כלל ישראל אז תפילת צדיקים עשתה רושם להעביר רוע הגזירה.

מצד די רעגירונג האט זיך באטייליגט דער קאמישינאר, איינע פון די בארד אוו רידזשענט און נאך הויכראנגינגע שטאב פון די עדיוקעישן דעפארטמענט.דער געערטער קאמישינעאר איז שטארק באנומען געווארן פון די עהרנפולע און פארכטיגע מעמד ווען עלטערע רבנים זיצן מיט פארווינטע אויגן פון איין זייט און מיט פעסטע אומבויגזאמע שטעלונג פונעם צווייטן זייט, און צוגעזאגט צו נעמען אין באטראכט די ווערטער פון די רבנים.

### ואנכי אהי' עם פיך,

גלייך ווען עס איז נתפרסם געווארן די נייעס אין די אידישע וועלט, איז דער באזוך אויפגענומען בכל מקום אשר דבר המלך מגיע, מיט פאסיגע הערצה, וויסענדיג אז אצינד קען מען געטרויען די ריכטיגע שלוחא דרחמנא ושליחא דידן, ווען אחות יש לנו בבית המלך.

כלל ישראל קוקט ארויס און איז מתפלל מיט א הייסע תפילה אז הקב"ה זאל שיקן חינא וחסדא וחיי אריכא ומזוני רויחא לרישי גלותא ולרישי מתיבתא זיי זאלן מצליח זיין אין זייער הייליגע שליחות.

**עיני כל בית ישראל עליכם תלויים**

## ווער זענען די סטעיקהאלדערס???

די רעזולאציע פון די לעצטערע מעלדונגן דורך די בארד אף רידזשענס פירט אויס אז מען גייט צוריקגיין צו די סטעיקהאלדער פאר מערערע דיסקוסיסעס איבער דעם גאנצן נושא.

דערווארט 'סטעיקהאלדער' באדייט אלע שותפים וואס זענען נוגעים בדבר.

ווער זענען דאס אין אונער פאל ביי די חינוך פארשלאגן?

דער שטודירטער אבי גרינשטיין זאגט, 'מען וועט שאפן א נייע פאראיין פון חרדי'שע עדיקעיטערס [עפ"ל].

אנדערע זאגן פערלס און די לעגיסלאטערן.

**אבער דער יהדות הנאמנה זאגט: אונזער סטעיקהאלדערס זענען די גדולי ומאורי הדור שליט"א וואס שטייען שטאנדהאפטיג אז משה אמת ותורתו אמת! אונזער תורה איז אונזער וועג-ווייזער, און פון דעם וועלן מיר זיך נישט רירן.**




רעקארדס פון אבי גרינשטיין צייגט וואו ער איז עדיקעיט געווארן, אין קאלעדזש!

**גייענדיג צום דרוק:**

### ה' עמך גבור החיל:

# מעמד קידוש שם שמים ווען דער יהדות הנאמנה באלוינט דעם העלדישן אינגערמאן הרה"ח ר' יוסף אלי' גליק הי"ו מיט צוואנציג טויזנט דאללער פארן דעמאנסטרירן אנטקעגן ציוניסטישע פעדעראציע אגענטור

## פירסום לעיני העמים: פילע פרעסע לייט און נייעס קוועלער אנוועזנד

**היינט דאנערשטיג נאכט לס' אנכי ולא יהי' לך, האט דער יהדות החרדית ווידעראמאל מקבל געווען עול מלכות שמים ביים אימפאזאנטן מסיבה לכבודה של תורה. דאס איז פארגעקומען ביי א צענטראלע שבע ברכות לשמחת בית העסקן הנודע בשערים במפעולותיו הכבירות במלחמה לה' בעמלק, הרה"ג ר' צבי קלאר שליט"א יו"ר ועד המאבק, וואס די חשובע עסקנים און ידידים האבן געמאכט לכבודו.**

עס האט געהערשט א חרדת אלקים אינעם זאל ווי זענען געווען פארזאמלט הונדערטער אידן ביי דעם מעמד קידוש שם שמים ובראשם כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, הגה"צ אב"ד איבראן שליט"א, הגה"צ ר' ישראל דוד הארפענעס שליט"א, אדמו"ר מזידטשויב שליט"א, הרה"ג ר' ישעי' אשר אנשיל ווייס שליט"א מגיד משרים, הרה"ג ר' אשר מרדכי רובין שליט"א, הרה"ג ר' חיים יודא פריעדמאן שליט"א, וועלכע האבן אנטייל גענומען אין דעם זעלטענעם מעמד.

דער מעמד איז צושטאנד געקומען ווען חשובע עסקנים האבן זיך ארייגעלייגט צו שאפן דאס געלט אלס געשאנק פאר דעם טייערן אינגערמאן וואס האט העלדיש זיך אפגעזאגט פון נעמען דעם געשאנק פון די פעדעראציע.

"איך בין שאקירט געווארן ווען איך האב מיך דערוואוסט אז אונטער די דשעי סי, סי, איז גאר דער ציוניסטישער פעדעארציע אגענטור" האט ר' יוסף אלי' געזאגט אין א סטעיטמענט פאר די מידיא און פרעסע לייט וועלכע זענען געווען אנוועזנט און האבן דאס פארשפרייט אין די וועלט.

### תשית לראשו עטרת פז

עס איז געווען א זעלטענע מינוט ווען די צוויי חשובע פראמינענטע רבנים ה"ה הגה"צ אב"ד האדאס שליט"א ואתו עמו הגאון הגדול אב"ד איבראן שליט"א האבן איבערגעגעבן דעם מתנה פון דעם יהדות הנאמנה פאר דעם חשובן אינגערמאן.

גאר א שטארקע רעדע איז דערנאך געהערט געווארן פון הרה"ח ר' יוסף אלי' וועלכע האט אויך גערעדט צו די פרעסע ווי דערמאנט, און ווי אויך פון דעם בעל שמחה הרה"ג ר' צבי קלאר שליט"א וועלכע האבן דעמאנסרירט פאר די פרעסע איבער דעם חומת ההתבדלות פון די ציונים און זייערע פארשטייער.

דער מעמד איז געווען א אומפארגעסליכע מאורע, און שטעלט דעם טאן פאר ווייטערדיגע פעולות זיך אפצושיידן פון די פעדעראציע און זייערע חברים אונטער סיי וואס פאר א שלייער.

דער יהדות הנאמנה וואונטשט פארן מקדש שם שמים הרה"ח ר' יוסף אלי':

## יוסף ה' עליכם ועל בניכם! אשריך שזכית לקדש שם שמים.!




הקדים שקליהן לשקליו... "זהב טהור" דער טשעק פון צוואנציג טויזנט דאללער וואס איז געשאפן געווארן דורך תלמידי מרן רביה"ק זי"ע



ר' יוסף אלי' ביים ערהאלטן די טשעק און ברכות קדשו פון כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א